# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## יֶעדֶער קֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער וִויל זַיין אַ צַדִיק? וֶוער וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "אִיךְ... אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק", וַוייל יֶעדֶער וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט טְרַאכְטְן 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְגֶעס דִי לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ וֵוייניג גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען'; מִיר וֶועלְן יֶעצְט זֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

אַ וִוילְדֶע אִינְגֶל, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר שְׁפְּרִינְגְט אוּן טַאנְצְט, אוֹיף אַלֶע דֶעכֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען, בִּיז אֵיין טָאג עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַ 'וֶועג צוּ לֶערְנֶען'; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵיין נִישְׁט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט - זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין דִי יְשִׁיבָה פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַיינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה,

עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקֶלְט אוֹיף דִי גְמָרָא אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג.

דֶער גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַיינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם פְלַייסִיגְן בָּחוּר אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבוֹיגְן אוּן אִים גֶעגְלֶעט זַיינֶע אַקְסְלֶען אוּן זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי פְלַייסִיג דֶער בָּחוּר לֶערְנְט.

וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט עֶר אָפְּגֶענוּמֶען דִי מַזָל טוֹב פוּן דֶעם גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען וֶוען דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין, "אִיךְ ווִיל זַיין בַּיי דַיין חֲתוּנָה" - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער גָאוֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה.

ווער אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּחוּר וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַזוֹי פְלַייסִיג? דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר וֶועט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא - וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.



**גענומען פון ספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1